**אינהאַלט:**

☆ א. הירש — פרידלעכע צוזאַמענעקזיסטענץ אין אַפריקע ☆ צו י. גערשמאַנס 75-סטן געבוירנטאָג ☆ יידן אין דער וועלט ☆ משה בעלענקי — דער מענטש איז אַלץ ☆ אברהם טרעמבאָוועלסקי — מאַקס עריק — היסטאָריקער און פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך ☆ י. א. ראָנטש — וואַסערפאַלן (ליד) ☆ סיאָמע קיפּנים — הערש פאָליאַנקער און זיין העלד עלי׳ע פרענקעל ☆ יעקב רייוועס — פראַגמענטן פונעם בוך „באַלשעוויקעס“ ☆ וועט דער דענטיסטישער פאַטעל אויפהערן צו זיין, דאָס אָרט פון מאַטערנישן?

ŁKS-SZTYME (Głos Ludu) Cena 1,50 zł

# פאָלקס-שטימע

קולטור געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש-קינסטלערישע וואָכנשריפט

אָרגאַן פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן

נומער 36 (4386). וואַרשע, 9 סעפּטעמבער 1978 יאָר.

rszawa, 9 września 1978 r.

# מאַקס עריק — היסטאָריקער און פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך

(סוף פון זייט 5)

טיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור ביי דער אַלאוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. וועגן זיין אַקטיווער טעטיקייט אין קיעוו שרייבט דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט — יוסף ליבערבערג (1898—1938):

„מיטן אַריבערפאָרן קיין קיעוו פון די ח"ח עריק (איצטיקער אָנפירער פון דער סעקציע) און גורשטיין, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן. פאַר דער קורצער צייט פון איר אַרבעט קאָן די סעקציע פאַרצייכענען אַ ריי דערגרייכונגען. די סעקציע האָט איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט די פּראָלעטאַרישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס, מיט אַרבקאָרן, מיט אַ ריי אונטערנעמונגען, אַוועקגעשטעלט אַ סעמינאַר פאַר לערער, האָט אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען פאַר ליטעראַטור־לימוד אין די שולן, לויטן אויפטראַג פון פאָלקאָמבילד, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ באַדייטנדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט (געשיכטע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס, לעקסיקאָן פון דער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור א"א), האָט זיך פאַרבונדן מיט דער קאָמאַקאַדעמיע, אַוועקגעשטעלט אַ רעגלמעסיקע אַרבעט מיט אַספּיראַנטן או"וו.

(זאַמלבוך: „קעגן אַנטיסעמיטישע טעאָריעס אין דער ליטעראַטור פאָרשונג". כאַרקאָוו — קיעוו 1932.)

אין קיעוו איז מ. עריק אָפט אַרויסגעטראָטן מיט לעקציעס און פאָרלעזונגען. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער לעקטאָר און קענער. זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן צוגעציגן אַ גרויסן עולם שטודירנדיקע און נישטשטודירנדיקע יוגנט. ער האָט געקאָנט אָפּרעדן אַ דריי־פיר שעה און אַלץ פון זכרון, אָן קאָנספּעקטן און טעזיסן, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ קליין צעטעלע, פאַרשריבן מיט זיינע דריבנינקע אותיות, וואָס ער אַליין האָט אָפט נישט געקאָנט איבערלייענען... ער האָט אויך געלייענט לעקציעס אין רוסיש — וועגן דער מערב־אייראָפּעישער ליטעראַטור.

אין דער קורצער צייט — אין משך פון זעקס יאָר סאָוויעטישער פּעריאָד — האָבן זיך מ. עריקס וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרבעטן נאָך מער פאַרטיפט און פאַרברייטערט, שטיצנדיק זיך אויף דער מאַרקסיסטיש־לענינישער מעטאָדאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט און קריטיק.

נישט לייכט איז מ. עריקן אָנגעקומען אָנצווענדן די מאַרקסיסטיש־לענינישע מעטאָדאָלאָגיע. וועגן דעם דערמאָנט ער אין זיין אַרטיקל אין דער זאַמלונג „קעגן אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס" (1932):

„אַ שווערע אויפגאַבע איז פאַר מיר געשטעלט געוואָרן: זיך איבערבאַוואָפענען אין גאַנג, זיך לערנען און גלייך לערנען אַנדערע, שטודירן די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע און גלייך זי אָנווענדן אין לעקציעס פאַר סטודענטן, אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, אין אַרטיקלען און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן — אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין."

אין זשורנאַלן און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס האָט עריק אין דערמאָנטן פּעריאָד פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. אין 5־טן באַנד „צייטשריפט", מינסק 1931: „וועגן סאָציאַלן מהות פון אַקסענפעלדס שאַפן", „נייע מאַטעריאַלן וועגן אייכלען", „וועגן שלום־עליכמען און זיינע איבערזעצער"; אין אַנדערע אויסגאַבעס: „וועגן דעם טעקסט פון די עלטערע פּראָלעטאַרישע שרייבער", „וועגן דער מערב־אייראָפּעישער ליטעראַטור", „דאָס פּראָבלעם פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם אין דער ליטעראַטור" (סטענדאַלס שאַפן) און אַ ריי אַנדערע אַרבעטן.

פון עריקס באַזונדערע אויסגאַבעס איז כדאי צו דערמאָנען:

„עטיודן צו דער געשיכטע פון דער השכלה אין דייטשלאַנד און גאַליציע (1789—1848)", מינסק 1934;

„די קאָמעדיעס פון דער בערלינער אויפקלערונג" (1934); „די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד ביי דער רעפאָרם־עפּאָכע (1800—1861)", 1935.

אין זשורנאַל „פאַרמעסט" נ"ר 1, קיעוו 1936 האָט עריק פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג א"נ: „וואָס שעצן מיר אין מענדעלען", אין וועלכער ער זאָגט צווישנאַנד: „מיר שעצן אין מענדעלען - דעם ערשטן גרויסן יידישן ראָמאַניסט — דער ערשטער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און אויך איר ערשטער גרויסער ראָמאַניסט."

אַ ריי קריטיקער האָבן אָנגעוויזן, אַז מענדעלע מוכר־ספרים איז געווען שטאַרק אונטער דער השפּעה פון רוסישע שרייבער, בפרט פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. און וועגן דעם ברענגט עריק אין דער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג אַ לענגערן אויסצוג וועגן אַ בידנער קליאַטשע, וואָס ליגט אין דער היץ, און ער פרעגט:

„וואָס איז עס — אַ בלעטל מענדעלע, עס איז (גאָר) אַן אויסצוג פון שטשעדרינס „קאָניאַגא", געשריבן 12 יאָר נאָך מענדעלעס „קליאַטשע" אין 1885. זיין קליאַטשע־אַלעגאָריע האָט מענדעלע געשריבן אומאָפּהענגיק פון שטשעדרינס „קאָניאַגא", און אַזוי האָט אויך שטשעדרין נישט געוווּסט פון מענדעלעס „קליאַטשע" און נישט געקאָנט וויסן. — עס זאָגט אָבער עדות אויף יענע קרובהשאַפט־פעדעם, וואָס ציען זיך צווישן דעם מעכטיקן רוסישן סאַטיריקער און מענדעלען — צווישן שטשעדרינס גלופּאָוואָ און מענדעלעס גלופּסק — צווישן שטשעדרינס און מענדעלעס גראָטעסק, צווישן ביידנס דראַנג צו דער אַלעגאָרישער פּאַראַלגעמיינערונג, צווישן מענדעלעס האָס צו די „איידעלע פערד" און חוזק איבער דער ליבעראַלער חברה צער בעלי־חיים — און שטשעדרינס בילד פון די „פּוסטאָ פּליאַסן" אין דער זעלביקער „קאָניאַגא".

אין אַ צייטונגס־אַרטיקל איז נישט מעגלעך ברייטער אַרומצורעדן מאַקס עריקס רייך שאַפן אין די יאָרן 1922—1936, אין פּוילן און אין ראַטנפאַרבאַנד. ס'איז ממש צו באַוווּנדערן און נישט צו גלייבן, אַז אין אַזאַ קורצער צייט האָט מאַקס עריק אַזויפיל אויפגעטאָן איפן געביט פון פאָרשן די אַלטע יידישע ליטעראַטור און שפּראַך, וואָס איז ביז דאַן געווען כמעט אַ קרקע־בתולה — פאַרוואָרלאָזט רויערד — און דערביי גענומען אַלץ פון דער „ערשטער האַנט", שטיצנדיק זיך אויף אַלטע כתב־ידן און מאַטעריאַלן.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך געשאַפן אין יידיש־לשון וועט דער נאָמען מאַקס עריק פאַרבלייבן לדור־דורות.

אַ. טרעמבאָוועלסקי